**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאלירטע מוזיקאנטן קלאב פארברייטערונג פראיעקט**

***ניו יארק סטעיט אינוועסטירונגען אין אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט וועט פארזעצן צו ארייננבלאזן א חיות אין איסט באפעלאו***

***ערגענצט גאווערנער'ס היסטארישע 50 מיליאן דאלאר אין געצילטע אינוועסטירונגען אין איסט באפעלאו***

***געמאלטע בילדער צו זעהן דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב (Colored Musicians Club, CMC) האט אנגעהויבן מיט פארברייטערונג און רענאוואציעס וועלכע וועלן ערלויבן מער טוריסטן און באזיכער צו באפעלאו'ס אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט (African American Heritage Corridor). די CMC וואס איז געגרונדעט געווארן אין 1918 איז די איינציגסטע איבערבלייבנדע אפריקאנער-אמעריקאנער מוזיקאנטן קלאב פון איר סארט אין די פאראייניגטע שטאטן. עס האבן דארטן ערשיינט אזעלכע מערקווירדיגע מוזיקאנטן ווי דיוּק עלינגטאן, עלא פיצדזשעראלד, לואיס ארמסטראָנג, נעט "קינג" קאָול, מיילס דעיוויס און קעב קעלאָוועי.

"די אנהויב פון קאנסטורקציע צייכנט אפ די אנהויב פון א נייע קאפיטל פאר די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב, און עס ווייזט ארויס אונזער טיפע און אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אויפהייבן די איסט באפעלאו קאמיוניטי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן שטיצן די פארברייטערונג און היטן אויף היסטארישע מאטעריאלן דורכאויס די Michigan Street געגנט, באשיינען מיר די רייכע היסטאריעס פון טונקל-הויטיגע ניו יארקער און מיר באעהרן זייערע וויכטיגעביישטייערונגען אין באפעלאו, אונזער סטעיט און אונזער לאנד."

"דאס איז נישט נאר אן אינוועסטירונג אין איסט באפעלאו, נאר אן אינוועסטירונג אין די טונקל-הויטיגע מענטשן און די טונקל-הויטיגע קולטטור וואס איז אזא גרונטליכע טייל פון באפעלאו", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "די רענאוואציע און פארברייטערונג פון די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב, אין צוגאב צו די אינוועסטירונגען וועלכע זענען אנאנסירט געווארן בעפאר דעם צו געמאכט ווערן אין איסט באפעלאו, וועלן פארמערן טוריזם דורכאויס די היסטארישע Michigan Street געגנט וואס איז רייך אין אפריקאנער-אמעריקאנער קולטור און היסטאריע."

CMC'ס 2.95 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג איז בלויז די לעצטעביישפיל פון די גאווערנער'ס פארמערטע באמיאונגען צו צוציהען באזיכער צו באפעלאו'ס איסט סייד. די נישט-פאר-פארדינסט קלאב וועט מאכן קריטישע פארבעסערונגען דורך די הילף פון א 2 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס (Empire State Development, ESD) 65 מיליאן דאלארדיגע איסט סייד

געגנט עקאנאמישע אנטוויקלונג קאסע (East Side Corridor Economic Development Fund). די פארבעסערונגען וועלן ברענגען מער טוריזם און באזיכער צו באפעלאו'ס היסטארישע Michigan Street אפריקאנער-אמעריקאנער געגנט. DASNY האט אויך צוגעשטעלט $350,000 אין געלטער פאר דעם פראיעקט.

דער CMC פראיעקט רעכנט אריין די דעזיין און קאנסטרוקציע פון א נייע אריינגאנג צו די געביידע אויף 145 Broadway Street וואס קומט נאך ADA סטאנדארטן און רעכנט אריין מער סטארעדזש פלאץ פאר די CMC; פארריכטונג פון די געביידע'ס דרויסנדיגע ווענט און רענאוואציעס און פאברייטערונגען פון די היסטארישע ערשיינונג זאל; פארבעסערטע פייער זיכערהייט און רעגולאציעס אנגעלעגנהייטן; און די פארענדיגונג פון פארבינדענע ארבעט אויפן שטחח און איבערפלאסטערן די גאס און פארבעסערן די אויסקוק פון די גאס אינדרויסן.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קאמישאנער, פרעזידענט און CEO האָופ נייט האט געזאגט,** "באפעלאו ווערט שנעלערהייט א הויפט טוריזם דעסטינאציע. כאטש טייל פלעצער ווי די וואסער ברעגעס זענען שטארק מצליח, דארפן מיר אויך אונטערהייבן באפעלאו'ס אפריקאנער-אמעריקאנער קאמיוניטי דורכן אויסנוצן אירע באדייטנדע היסטארישע אוצרות און געוואלדיגע פאטענציאל פאר וואוקס. רענאוואציעס צו די אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט'ס צענטראלע אינסטיטוציעס וועט העלפן צוציהען נייע באזיכער צו די וואקסנדע געגנט צו באשיינען איר היסטאריע, מוזיק און קולטורישע פארשידנארטיגקייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען צו טוהן מער צו העלפן איסט באפעלאו, א געגנט וואס האט זיך נאכגעשלעפט נאך די איבעריגע פון די סיטי דורכאויס באפעלאו'ס אויפלעבונג."

רענאוואציע ארבעט האלט שוין אויך טיף אינמיטן אויף צוויי אנדערע פראיעקטן וועלכע העלפן אוועקשטעלן די אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט: די Michigan Street Baptist Church קירכע און די Nash House.
ניו יארק סטעיט שטיצט די רענאוואציע פראיעקטן אין שותפות מיט די באפעלאו-ניאגרא פרייהייט סטאנציע פארבאנד (Buffalo Niagara Freedom Station Coalition, BNFSC) און די Nash House Museum, צוויי נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן צו שטיצן און היטן אויף די ירושה פון דעם קירכע און Nash House.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) קאמישאנער עריק קאָלעסייד האט געזאגט,** "די גאנצע געשיכטע פון ניו יארק סטעיט איז נישט גאנץ אן די געשיכטעס וועלכע געפונען זיך אין באפעלאו'ס אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט. ניו יארק סטעיט פּארקס איז דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פאר די וויכטיגע פראיעקטן, און עס איז א כבוד פאר די סטעיט פּארקס צו זיין א שותף אין זיי."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב איז געווען א צענטראלע פלאץ אין באפעלאו'ס היסטארישע Michigan Street אפריקאנער-אמעריקאנער געגנט פאר צענדליגע יארן, און די כמעט 3 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג וועט נישט נאר צוציהען נייע טוריזם צו די 'קווין סיטי', נאר עס וועט טוהן עפעס פיל גרעסער דערפון: עס וועט דערציילן א געשיכטע. די געשיכטע פון די וועלכע האבן אויסגעפארעמט אונזער סיטי מיט בלוט און שווייס, הארץ און טאלאנט, און די וועלכע האבן געהאלפן שרייבן באפעלאו'ס טונקל-הויטיגע היסטאריע. עס איז בלויז איינס פון די פילע אינוועסטירונגען וואס ניו יארק סטעיט מאכט צו פארווירקליכן די אמת'ע טרוים פון טערי אלפארד, לילי וויילי-אָפּשאו און די Michigan Street אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט."

**אסעמבלי מיטגלידערין קריסטעל ד. פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "איך גיב מיינע בעסטע וואונטשן פאר די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב פארן אנהויבן מיט זייער פארברייטערונג. איך בין שטאלץ צו האבן געקענט צושטעלן די וויכטיגע געלטער צו קענען אויפטרייבן פאָנדרעיזינג. דער פראיעקט ווערט שוין פלאנירט פאר איבער צען יאר, און עס וועט פארבעסערן די צוגענגליכקייט פאר אלע באזיכער צו זעהן די קלאב, אירע אויסשטעלונגען און די היסטאריע פון לעגענדארע דזשעז שפילער. איך באדאנק גאווערנער האקול און די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער שטיצע, און איך לויב אויך אויס די קלאב'ס פירערשאפט פאר זייער מידלאזע איבערגעגעבנקייט צו זעהן אז דער פראיעקט זאל פארטיג ווערן."

**דזשארדזש סקאַט, געוועזענער דירעקטאר פון קאלירטע מוזיקאנטן קלאב, האט געזאגט,** "מיר ווילן באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן אינוועסטירן אין די צוקונפט פון די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב. די רענאוואציע וועט בענעפיטירן די גאנצע Michigan Street געגנט דורכן צוציהען מער באזיכער צו האבן די ערפארונג פון די מוזיק, היסטאריע, עסן און אייגנארטיגע קולטורישע אטראקציעס פון די איסט סייד. דורכן מאכן די באדייטנדע אינוועסטירונג, מאכן מיר דאס קלאר אז טונקל-הויטיגע היסטאריע איז וויכטיג, באפעלאו'ס היסטאריע איז וויכטיג, און דזשאז האט א כוח צו דערציילן די געשיכטע און עס איז א מאכטפולע וועג צו גיבן שטארקייט און האפנונג פאר אונזערע מענטשן."

**לילי ווילי-אָפּשאו, פארזיצערין פון די באפעלאו-ניאגרא פרייהייט סטאנציע פארבאנד, האט געזאגט,** "די באפעלאו-ניאגרא פרייהייט סטאנציע פארבאנד איז גאר דאנקבאר פאר די שטיצע פון די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט, ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג און די Community Foundation for Greater Buffalo (קאמיוניטי פאַונדעישען פאר גרעיטער באפעלאו). צוליב די שתדלנות פון די קאמיוניטי, און באזונדערס בישאף הענדערסאן, איז די BNFSC יעצט אומשטאנד צו היטן אויף די קירכע פאר די קומענדיגע 200 יאר. איך בין פערזענליך אזוי שטאלץ צו זיין א טייל פון די באפעלאו קאמיוניטי און די וויכטיגע ארבעט."

**רעיטשעל הענדערסאן, בישאף הענדערסאן'ס טאכטער, האט געזאגט,** "דורכן היטן אויף די וויסנשאפט פון די פארגאנגעהייט, קענען מיר זיך אנזאמלען די אמת'ע מעגליכקייטן פון אונזער צוקונפט. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו לערנען מער איבער די היסטאריע פון אונזערע פארגייער, בויען ממיר א פיל לעבטיגערע און פארגעשריטענע וועלט. אלץ טאכטער פון בישאף וויליאם הענדערסאן און אלץ וויצע פארזיצערין פון די באפעלאו-ניאגרא פרייהייט סטאנציע פארבאנד, בין איך אזוי דאנקבאר צו זעהן זיין ארבעט אין פארבינדונג מיט די הערליכע מאנומענט ווערנדיג פארגעזעצט."

פארבעסערונגען צו די אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט רעכענען אריין:

- דער 1.3 מיליאן דאלארדיגער Michigan Street Baptist Church פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן די געביידע'ס סטרוקטורישע שטארקייט און אדרעסירן זיכערהייט אנגעלעגנהייטן פון דעם קירכע בשעת'ן אויך צושטעלן גרינגערע צוטריט פאר דיסעיבעלד באזיכער. דער פראיעקט רעכנט אריין פאררעכטונגען צו די יסודות און פארשטערקערונגען צו די דאך, און אזוי אויך רענאוואציעס וואס האבן צו טוהן מיט צוגענגליכקייט. דער Michigan Street Baptist Church איז געבויט געווארן דורך אפריקאנער-אמעריקאנער אין 1845, און עס איז געווען די לעצטע סטאנציע אויף די אונטערערדישע באן פאר מענטשן וועלכע האבן געזוכט פרייהייט, אנטלויפנדיג צו קאנאדע בעפאר דעם ציווילן קריג. עס איז געווען אויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע רעדזשיסטער פון היסטארישע פלעצער זינט 1974.
- די Nash House האט באקומען $172,000 אין געלטער פון די ESD און עס גייט אריבער וועטער-פארבינדענע פארשטערקערונגען און פארבעסערונגען צו די מוזעאום'ס אויסשטעלונגען. די Nash House איז אמאל געווען דער היים פון דעם געעהרטן דזש.

עדוואַרד נעש, סיניאָר, גייסטליכער פון די Michigan Street Baptist Church דורכאויס די 1950'ער און באַקאַנטער באַפעלאָ ציווילע רעכטן פירער. עס איז יעצט אין אייגנטום פון די נישט-פאַר-פּאַרדינסט Michigan Street אַפּהיטונג קערפּערשאַפט ( Michigan Street Preservation Corporation) און איז געווען אָפּן אַלץ אַ מוזעאום זינט 2007.

- די WUFO ראַדיאָ סטאַנציע און טונקל-הויטיגע היסטאָריע קאַלעקטיוו ( WUFO Radio Station & Black History Collective) האט באַקומען אַן 1 מיליאָן דאָלאַרדיגע גרענט פאַר אַ באַדייטנדע פּאַרריכטונג און פאַרברייטערונג פּראָיעקט. די קאָלעקטיוו איז די איינציגסטע ראַדיאָ סטאַנציע אין מערב ניו יאָרק וואָס איז אין אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער אייגנטום, און איז אַ הויפּט טענאַנט אין 509 Michigan Street, אַ הונדערט-יאָר-אַלטע, צוויי-שטאָקיגע געביידע אין די סיטי'ס אייגנטום וואָס שטייט ביי אַ וויכטיגע פּלאַץ גלייך איופן דרום זייט פון די Michigan Street Baptist Church.
- די NAACP'ס כמעט 6 מיליאָן דאָלאַרדיגע פּובליק-פּריוואַטע Nash Lofts פּראָיעקט ווערט אויך אויסגעצאָלט דורך די ESD אונטער די איסט סייד געגנט עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאַסע. די NAACP האט זיך צוריקגעקערט צו די אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער ירושה געגנט לעצטע יאָר, און די נייע לאָקאַציע האט אין זיך נייע NAACP אָפיסעס, אַפּאַרטמענטס פאַר צוגענגליכע פּרייזן און פּלאַץ פאַר אַנדערע געשעפטן אויף די אונטערשטע שטאָק. אַ טענאַנט פאַר אַ געשעפט פּלאַץ אויף די אונטערשטע שטאָק וועט בקרוב אַנאַנסירט ווערן.
- די פרייהייט וואַנט און די פּלאַץ אַרום די היסטאָרישע איינקריצונג וועלן אַריבערגיין פאַרבעסערונגען דורך אַ $366,000 גרענט וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר די ניאַגראַ פראָנטיער טראַנספּאָרטאַציע אויטאָריטעט ( Niagara Frontier Transportation Authority). די געלטער וועלן גענוצט ווערן צו איבערבויען די פּלאַץ צווישן די צעמענטענע וואַנט און די עק פון די גאַס און אינסטאַלירן LED באַלייכטונג צו מאַכן די מאָלערייען אויפן וואַנט קלאָרער צו זעהן. די פרייהייט וואַנט באַשיינט אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער'ס היסטאָרישע און אָנגייענדע אַרבעט פאַר פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע גלייכקייט.

אַלע פון די פּראָיעקטן וועלן זיין צוזאַמגעבינדען מיט אַ שמאָלערע Michigan Avenue מיט לענדסקעיפּינג צו פאַרשטייטערן טראַפיק, און מיט פאַרבעסערטע גאַסן באַלייכטונג צו מאַכן די דיסטריקט פון בלאָקן לאַנג מער פריינטליך פאַר פיסגייער.

די פּראָיעקטן זענען געווידמעט צו שאַפן אַ ציהענדע טוריסט דעסטינאַציע אַרום די פּלאַץ וואו היסטאָרישע מאַטעריאַלן זענען קאָנצענטרירט צווישן William Street און בראָדוועי. פּלאַנירונג באַמיאונגען רעכענען אַריין סטראַטעגיעס צו מאַרקעטן און שטיצן פאַרבעסערונגען פון די פּאַרמעגנס. אינפראַסטראַקטור אינוועסטירונגען, ווי צום ביישפּיל פאַרבעסערונגען צו היסטאָרישע געביידעס, געביידע פאַרברייטערונגען, ADA און זיכערהייט אויספּאַלגונג, פאַרבעסערונגען צו די אויסקוק פון די גאַס, קאַמיוניטי צוזאַמקום פּלעצער און אַנדערע קריטישע איינריכטונגען וועלן פאַרבעסערן די ערפאַרונג פאַר באַזיכער און בעסער פאַרבינדן היסטאָרישע פּאַרמעגנס איינער צום אַנדערן און צו באַפעלאָ'ס שטאָטישע צענטער. דער פּראָיעקט וועט מאַכן אַ פּאַראַייניגטע טוריסט דעסטינאַציע וואָס וועט דערציילן אַ געשיכטע פון באַפעלאָ'ס ביישטייערונג צו אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער היסטאָריע בשעת'ן צוציהען נייע באַזיכער פון די ראַיאָן.

**טערי אַלפאָרד, עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון די Michigan Street אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער ירושה געגנט קאָמיסיע, האט געזאָגט,** "אין נאָמען פון די באָורד מיטגלידער וועלכע זיצן אויף אונזער ירושה געגנט קאָמיסיע, און אַזוי אויך אין די נאָמען פון די קאַמיוניטי פּאַרמישטע פּאַרטייען און איינוואוינער וועלכע האָבן אייביג געשטיצט די געגנט, וויל איך באַדאַנקען אונזערע גאַווערנער און די עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פאַר זייערע אָנגייענדע אינוועסטירונגען אין די ווייטערדיגע פאַרבעסערונג פון דעם

געגנט. צוליב זייער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די סטאביליזאציע און פארברייטערונג פון צוויי פון אונזערע מערסט-אנערקענטע קולטורישע צענטערן, האבן זיי געהאלפן פארזיכערן די שטאנדהאפטיגקייט פון די אייקאנישע געביידעס פאר פילע צוקונפטיגע דורות וועלכע וועלן פארבעסערן נישט נאר די געגנט נאר אויך אונזער גאנצע סיטי אלץ א באגייסטערנדע און ווירבלנדע דעסטינאציע פאר קולטור און היסטאריע."

**דעפיוטי ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מאריא ר. ווייט האט געזאגט,** "די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב איז אן היסטאריש און אומערזעצבארע טייל פון אונזער קאמיוניטי און אונזער ירושה, און די אינוועסטירונג דורך גאווערנער האקול וועט עס פארבעסערן און אויפהאלטן פאר פילע יארן אין די צוקונפט. ערי קאונטי שליסט זיך אן אין די באמיאונג מיט א צוטיילונג פון $925,000 אין אינפראסטראקטור פארבעסערונגען צו די קלאב צו העלפן אויפפרישן די אייקאנישע אטראקציע. רענאווירן און צוריקברענגען אוצרות ווי די CMC ווידערהאלט אונזער איבערגעגעבנקייט היטן אויף אונזער פארגאנגענהייט און ברענגען מער באזיכער צו די היסטארישע Michigan Street אפריקאנער-אמעריקאנער געגנט צו לערנען מער דעריבער."

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "מוזיק שפילט א וויכטיגע ראלע אין באפעלאו'ס אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע, און זייענדיג איינס פון אונזער סיטי'ס וויכטיגסטע דעסטינאציעס, דארף די קאלירטע מוזיקאנטן קלאב דאס אפשפיגלען. איך באדאנק גאווערנער האקול און די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פארן שטיצן דעם פארברייטערונג און רענאוואציע פראיעקט וואס וועט צוציהען מער באזיכער צו באפעלאו'ס אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט צו געניסן פון טונקל-הויטיגע היסטאריע, מוזיק און קולטור. די 2.95 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג ערגענצט די סיטי'ס באדייטנדע אינוועסטירונג אין די איסט באפעלאו געגנט, און עס וועט בענעפיטירן אונזער קאמיוניטי פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**באפעלאו קאונסיל פרעזידענט דעריוס פרידזשען האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו געוואויר ווערן איבער די אנהויב פון סטאביליזאציע ארבעט אויף די דאך און יסוד פון די Michigan Street Baptist Church. אלץ אן עליקאט דיסטריקט קאונסיל מיטגליד האב איך געשתדל'ט פאר יעדע אינוועסטירונג פאר די אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט אזוי ווי עס היט אויף אונזער היסטאריע אין באפעלאו און אין מערב ניו יארק. דאס איז בלויז נאך א טריט פאראויס צו מאכן די געגנט פאר א רייזע דעסטינאציע אין מערב ניו יארק. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט, און מיינע קאלעגן אין רעגירונג — פאר זייער אנגייענדע שטיצע."

טרעפט מער אינפארמאציע איבער די Michigan Street אפריקאנער-אמעריקאנער ירושה געגנט [דא.]

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418